**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פאראָרדענט פענער צו אראפגענידערט ווערן צו די האלבע הייעך אין עהרע פון אומגעקומענער קעפּטעין קריסטאפער דזש. גרעאָו**

***פענער וועלן זיין אויף די האלבע הייעך אום יוני 15 און 16***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די פענער אויף די סטעיט'ס געביידעס וועלן אראפגענידערט ווערן צו האלב פון די הייעך אום יוני 15 און 16 אין עהרע פון דעם אומגעקומענעם קעפּטעין קריסטאפער דזש. גרעאָו.

"קעפּטעין קריסטאפער דזש. גרעאָו איז געווען אן אומדערשראקענער פובליק דינער וואס איז געווען פארפליכטעט צו באשיצן זיין קאמיוניטי און ניו יארק סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "קעפּטעין גרעאָו'ס דינסט און געטריישאפט ביים באשיצן זיינע ניו יארקע שכנים וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן, און מיין הארץ גייט אויס פאר זיין פאמיליע און באליבטע."

אום יוני 12, 2023 איז קעפּטעין גרעאָו אוועק פון די וועלט צוליב א קראנקהייט וואס איז פאראורזאכט געווארן דורך די אויפגאבן מיט וועלכע ער איז באאויפטראגט געווארן אין ארום די וועלטס האנדל צענטער שטח נאכפאלגנדיג די טעראר אטאקע אום סעפטעמבער 11, 2001. ער האט געדינט אין די ניו יארק סטעיט פאליציי פאר 23 יאר. קעפּטעין גרעאָו קומט פון פערו, קלינטאן קאונטי, ניו יארק, און ער האט איבערגעלאזט א ווייב און צוויי טעכטער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן]()